J. C. R. S.

# ה. לייוויק

פֿיר בוכשטאַבן גרויסע אויף קוימען און טויער,
פֿיר גרויסע, פֿיר בוכשטאַבן: — דזשיי, סי, אַר, עס. —
אַפּריל-טעג גענעענען. די בוכשטאַבן בליִען
נאָך איידער עס בליט דער טוליפּ און בעז.

אַ גאָלדענע זון גייט אַרויס אין באַגינען,
עס קומט אָן דער פֿרילינג אין פֿריִען וויזיט;
מיר אַלע — מיר טראָגן דאָס שטאַרבן אין זינען,
און קושן מיט ליבשאַפֿט דעם וויזיטאָרס טריט.

דאָס לײַב איז געלייטערט, דאָס האַרץ איז גערייניקט, —
דאָס ליכטיקסטע ליכט אויפֿן טונקלסטן קאָפּ;
ס'איז גוט מיט אַ סד'ען אין פּײַן זײַן פֿאַראייניקט,
און טראָגן די פּײַן, ווי אַ הייליקע גאָב.

אין טויט און אין זון און אין אָנהייב פֿון פֿרילינג,
גיי אויף, און קום אויף, און אין נאָענטקייט קום צו,
אָ, ליד מײַנס, און זײַ ווי אַ זאַלביקע היילונג, –
אָ, וואָרט מײַנס, זײַ גלויבן און כּוח און רו.

אין לעצטע מינוטן די אויגן אַלץ זעען,
בײַם גוסס צוקאָפּנס – דאָס אייביקע „יע“;
מײַן האַרץ, ווי אַ מילגרוים, איז פֿול מיט אַדיע'ען,
און אָט בליט אויף ביימער אַ נײַער אַדיע.

פֿאַר מיר זײַנען שוועלן — פֿאַרציטערטע סטרונעס,
פֿאַר מיר איז אַ שויב פֿון אַ פֿענצטער – אַ נס;

איך נעם-מיט דעם חסד פֿון פֿרילינג און טרונעס, —
אַדיע, טיר און טויער פֿון דזשיי, סי, אַר, עס. — —